בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
צ"ה

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

וְאַיֵּה הַשֶּׂה לְעֹלָה
במקום שבעלי תשובה עומדים
גם צדיקים בהכרח שיעבור עליהם
מה חמית? מה פשפשת?
זוכן שטיקלעך אייזן מיט האלץ
"ובזה טועין החסידים"
'חכמתו מרובה ממעשיו'
ועיני לאה רכות
איך האב מורא צו טראכטן...
להנהיג המוח כרצונו
טובים השנים מן האחד
ר' עוזר מאומאן
"דו רעד - ער וועט שוין הערן!"
דאס אמת'ע התעוררות
נישט זיין קיין 'רואה פני גיהנום'
כד ישראל אישתלימו בעובדייהו
'עד מתי' וועל איך זיך מישן צום רבין?
אחי רביז"ל - ר' ישראל 'מת'
דער ארון איז אין מעזיבוש

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ 95#

מכון טעם זקנים שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר זי"ע

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן
ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ניתן לקבל את הקונטרסים
דרך הדואר (בכל שבועיים)
במחיר חודשי של 15$ עבור
הוצאות עריכת הקונטרסים
**נא לפנות אל מס'**
**347-232-7166` (+1)**

בס"ד

# שיעור פרשת חיי שרה
## שנת תשל"ו (ח"ב)

(טייפ מס' 108#)

## וְאַיֵּה הַשֶּׂה לְעֹלָה

יענע וואך (פרשת וירא) האט מען געלערנט די תורה פון "איה השה לעולה", תורה י"ב (ליקוטי מוהר"ן, תניינא). דארטן זאגט דער רבי: עס שטייט דאך: "וכבודי לאחר לא אתן" - א מענטש אז ער איז פוגם קעגן דעם כבוד פון דעם אויבערשטן, ער זינדיגט, איז דארטן נישטא מיין כבוד, "וכבודי לאחר לא אתן".

פרעגט זיך די קשיא: פון וואנעט קען דער מענטש תשובה טאן? אז "וכבודי לאחר לא אתן", פון וואנעט האט ער זיך אנצוכאפן ער זאל קענען טאן תשובה? ער איז אריינגעפאלן אין מקומות המטונפים, און דארטן איז דער (כבוד פון דעם) אויבערשטן נישטא, "וכבודי לאחר לא אתן", נו, וואס זאל ער טאן? ער ליגט דאך דארט אין די טינופת?

- זאגט דער רבי אזוי: באלד פון דעם אנהויב בריאה האט דער אויבערשטער באשאפן די צען מאמרות, און דער ערשטער מאמר "בראשית" איז א 'מאמר סתום', עס שטייט נישט קיין "ויאמר" אלקים. זאגט דער רבי דארט, אז אין דעם 'מאמר סתום' איז דארטן דא א הויכע (סארט חיות) אלקות, נאר ער איז סתום. איז די וואס פאלן אריין אין די מקומות המטונפים און בשום אופן זעהט ער דארטן נישט דעם אויבערשטן, נעמט ער חיות פון דעם מאמר סתום. נאר דארטן דארף מען אבער גוט זוכן, דארף ער

שרייען: "איה"; 'איה איה - וואו בין איך פארווארפן געווארן אז איך זעה נישט קיין שום התגלות אלקות, נאר ס'איז פאר מיר סתום"[א].

זאגט דער רבי: "איה", דאס איז דער "השה לעולה", (כמש"כ:) "והעולה על רוחכם". אויף א 'געדאנק' (הרהור) ברענגט מען א קרבן עולה. און בשעת דער מענטש פאלט אריין אין אזא מין סארט גראבקייט, אין אזא מין סארט מגושמ'דיגקייט אז דער אויבערשטער איז דארטן נישטא, (איז פשט) 'באתגליא' איז ער נישטא, אבער דער 'מאמר סתום' איז יא דא, אז נישט וואלט ער קיין קיום נישט געקענט האבן. נאר דארטן דארף מען אבער שרייען 'איה'[ב].

דער 'פרפראות'[ג] ברענגט: אז בשעת יצחק האט געזאגט "ואיה השה לעולה" האט אברהם אבינו א זאג געגעבן: "יגער ה' בך השטן"[ד]. וואס איז דארטן געוועזן? דער שטן

---

[א] וז"ל שם בהתורה, בא"ד: "ואפילו בעבירות ודברים רעים ח"ו ששם אין כבודו יתברך, בבחינת (ישעיה מ"ב): "וכבודי לאחר לא אתן", שיש גבול להכבוד שלא יתפשט לשם, ואף על פי שמלא כל הארץ כבודו, עם כל זה יש גבול כשמגיע למקומות הנ"ל, שלא יצא לשם, בבחינת: 'וכבודי לאחר לא אתן' כנ"ל. ויש גבול לכל כבוד וכבוד, שמלובש בכל מאמר ומאמר מעשרה מאמרות כנ"ל, שלא יתפשט למקומות החיצונים כנ"ל. **אבל דע, כי אף על פי כן בודאי גם הם מקבלים חיות ממנו יתברך, ואפילו מקומות המטונפים או בתי עבודה זרה צריכין גם כן לקבל חיות ממנו יתברך. אך דע, כי הם מקבלים מבחינת מאמר סתום, שהוא בראשית מאמר סתום** (עין חא"ג שבת קד ד"ה מם סתומה, מאמר סתום), שהוא כולל כל המאמרות, וכולם מקבלים חיות ממנו. והכבוד של המאמר סתום הוא סתום ונעלם בתכלית ההסתרה, ומשם הם מקבלין חיות. כי מבחינת הכבוד והמאמרות המתגלים אי אפשר להם לקבל חיות משם, בבחינת: 'וכבודי לאחר לא אתן' כנ"ל, רק מהמאמר סתום, שהוא נסתר בתכלית ההסתרה, משם מקבלין חיות. ודבר זה אי אפשר להבין, ואסור להרהר בזה כלל. ועל כן כשאדם נופל, חס ושלום, לבחינת מקומות אלו, דהיינו לבחינת מקומות המטונפים, ונופל לספיקות והרהורים ובלבולים גדולים, ואזי מתחיל להסתכל על עצמו, ורואה שרחוק מאד מכבודו יתברך, ושואל ומבקש איה מקום כבודו, מאחר שרואה בעצמו שרחוק מכבודו יתברך, מאחר שנפל למקומות כאלו, רחמנא לצלן, **וזה זה עיקר תיקונו ועלייתו, בבחינת 'ירידה תכלית העליה', המובא בספרים**. כי איה מקום כבודו - זה בחינת הכבוד עליון של המאמר העליון, דהיינו המאמר סתום בראשית כנ"ל, שמשם נמשך חיות למקומות האלו. נמצא כשמבקש ומחפש איה מקום כבודו, בזה בעצמו הוא חוזר ועולה אל הכבוד העליון, שהוא בחינת איה, שמגודל הסתרתו והעלמו הוא מחיה מקומות הללו, ועכשיו, על ידי שהוא נפל לשם, ואזי מבקש איה מקום כבודו. ובזה חוזר ומדבק עצמו לשם, ומחיה את נפילתו, ועולה בתכלית העליה".

[ב] וזל"ש בהמשך: **"וזה בחינת קרבן עולה, שמכפר על הרהור הלב**. כמו שאמרו רבותינו, זכרונם לברכה (מדרש רבה, ויקרא, פרשה ז), כמו שכתוב: "והעולה על רוחכם" - 'שעולה מכפר ההרהור' ...וזהו בחינות עולה, בחינת (בראשית כ"ב): **"ואיה השה לעולה"**. שבחינת איה היא בחינות שה לעולה, לתקן ולכפר הרהור הלב, שבא ממקומות המטונפים כנ"ל. כי על ידי בחינות איה נתתקן ועולה משם כנ"ל".

[ג] עי' 'פרפראות לחכמה' על תורה זו, שם באות ג'.

[ד] עי' מדרש רבה בראשית פר' נו, סי' ד': "ויאמר יצחק אל אברהם אביו ויאמר אבי. בא סמא"ל וא"ל: סבא, אובדת ליבך, בן שנתן לך למאה שנה את הולך לשחטו? א"ל ע"מ כן. ואם מנסה לך יותר מכן תוכל לעמוד? - "הנסה דבר אליך תלאה". א"ל, ויותר עד כדון. א"ל, למחר יאמר לך - שופך דם אתה ששפכת דמו? א"ל על מנת כן. וכיון שלא

**איז געגאנגען פריער צו אברהם'ען, האט אברהם נישט געוואלט הערן, (ואמר:) "אף-על-פי-כן, אף-על-פי-כן". איז ער (השטן) געגאנגען צו יצחק'ן, ער האט אים געזאגט דארט: 'דיין מאמע האט דיר צוגעגרייט אזעלכע זאכן - און פאר וועמען וועט זי עס אוועקגעבן - פאר ישמאעל'ען?.**

**זאגט דער מדרש: כאטש ער האט נישט גע'פועל'ט אסאך, אבער עפעס האט ער גע'פועל'ט, אז יצחק האט געזאגט צו אברהם'ען: "אבי" (שני פעמים), האט שוין אברהם פארשטאנען אז עפעס וויל ער זאגן, האט ער א זאג געגעבן: "יגער ה' בך השטן", האט יצחק געזאגט: "איה".**

**זאגט דער פרפראות: האט יצחק זיך שוין גענוצט מיט 'איה'. דער 'איה' וואס ער האט געזאגט דאס איז שוין געווען דער תיקון: 'איה איה - וואו בין איך איצטער פארווארפן געווארן אז איך קען מהרהר זיין נאכן אויבערשטן? - איה?'. האט יצחק זיך גענוצט מיט דעם 'איה'. און דאס איז דער "השה לעולה", דאס איז דער קרבן עולה - דאס שרייען צום אויבערשטן: "איה?".**

**דער רבי זאגט טאקע ווייטער: אזוי ווי דער "בראשית" איז דאך דער מאמר סתום, איז טאקע אין די תיקונים שטייט אז בראשית מאכט "בר"א תי"ש". "תיש" דאס איז דער 'שה לעולה'[ה]. 'בראשית' איז דאך א מאמר סתום וואס דארטן ליגט דאך נישט קיין אלקות באיתגליא, דאס איז דער 'איה', דארטן דארף מען אויסשרייען 'איה', דאס איז אן ענין פון חיפוש, בשעת דער מענטש איז ווייט פונעם אויבערשטן, דארף ער צו זוכן: 'רבונו-של-עולם, איה איה', איצטער דארף איך נעמען חיות (פון דעם מאמר סתום).**

---

הועיל לו, בא אצל יצחק. א"ל: אן ברא דעלובתא, הולך הוא לשחטך. א"ל, על מנת כן. א"ל, אם כן כל הפרגזיות שעשת אמך, לישמעאל שנאיה דביתא - ירותא, כד לא תיעול כולה - תיעול פלגא. הה"ד "ויאמר אבי", למה "אבי" שני פעמים? כדי שיתמלא עליו רחמים. "ויאמר הנה האש והעצים ואיה השה לעולה". א"ל: **יצף לההוא גברא דיגער ביה.** מכל מקום יראה לו השה לעולה, ואם לאו - השה לעולה בני".

[ה] וזל"ש בהמשך: "וזה בחינות מה שמובא בסוף תקונים (תיקון תנינא דף א): **'בראשי"ת - בר"א תי"ש'**, דהיינו השה לעולה, שנעשה על ידי בחינת איה, שהוא בחינת בראשית מאמר סתום כנ"ל. **וזה בחינת תשובה, כי זה עיקר התשובה, כשאדם מבקש ומחפש אחר כבודו יתברך, ורואה בעצמו שרחוק מכבודו יתברך, ומתגעגע ושואל ומצטער אי"ה מקום כבודו, וזהו בעצמו תשובתו ותיקונו כנ"ל, והבן היטב".**

# במקום שבעלי תשובה עומדים

און דער מאמר סתום איז א העכערע סארט חיות. דערפאר טאקע קען א בעל תשובה אזוי פיל זוכה זיין, ווייל ער נעמט דאך חיות נאר פון דעם מאמר סתום[ו], אזוי ווי אין מצרים איז דער אויבערשטער 'אליין' געווען דארטן.

דער רבי רעדט אין תורה נ"ו (אות ד'): אין מצרים איז דייקא געווען א געוואלדיגע תורה, סתרי תורה איז דארטן געווען, דער אויבערשטער אליין איז געווען דארטן[ז]. אזוי איז אויך דאס אייגענע; ווייל דא איז דאך א מאמר סתום, איז דא א העכערע (סארט חיות) אלקות. נאר וואס דען, עס איז פארשטעלט, אבער אז ער וועט טאקע שרייען 'איה', דער בעל תשובה וועט זוכן און זוכן און זוכן, קען ער טאקע זוכה זיין צו אזא מין סארט (חיות) אלקות פון דעם מאמר סתום וואס אין די אלע מאמרים איז עס נישטא. און דאס איז טאקע "במקום שבעלי תשובה עומדים" וכו', ווארום דאס חיות וואס דארט (ווערט נתגלה דורך אים, ווערט נישט נתגלה אין די אנדערע מאמרים).

ער מוז נעמען חיות פון א העכערן ארט, עס איז אבער סתום, "וכבודי לאחר לא אתן", עס שטייט נישט קיין "ויאמר אלקים" דארטן אין דעם ערשטן מאמר, ווייל דער מאמר איז סתום. נאר ווי אזוי וועסטו נעמען חיות? אז דו וועסט זוכן. דארף ער שרייען "איה".

---

[ו] שם: "ואפילו כשנופל, חס ושלום, לספיקות, ויש שנפילתו גדולה מאד מאד, רח"ל, שנופל לספיקות והרהורים, ומהרהר אחר השי"ת, **אעפ"כ הנפילה והירידה היא תכלית העליה**".

[ז] וזל"ש: **"ודע, שהתורה המלובש תוך ההסתרה שבתוך הסתרה, היא תורה גבוה דייקא, היינו סתרי תורה**. כי מחמת שהיא צריכה להתלבש במקומות נמוכים כאלו, היינו אצל אלו שעברו הרבה, עד שנסתר מהם בהסתרה שבתוך הסתרה, על כן חשב השם יתברך מחשבות לבלי להלביש שם פשטי תורה, לבל יוכלו הקליפות לינק משם הרבה, ויהיה הפגם גדול מאד. על כן הוא מסתיר ומלביש שם תורה גבוה דייקא, סתרי תורה, שהיא תורת ה' בעצמה (עי' ע"ז י"ט, ולעיל סי' כ"ב אות י') כדי שלא יוכלו הקליפות לינק משם הרבה. בבחינת (שמות י"ב): "ועברתי בארץ מצרים, אני ולא מלאך, אני ולא השליח, אני ה' ולא" וכו'. כי בארץ מצרים ששם מקום הקליפות מאד, על כן שם דייקא מלובש ומוסתר השם יתברך בעצמו היינו תורת ה' ממש, סתרי תורה. על כן דייקא מההסתרה שבתוך הסתרה, כשחוזר ומהפכה לדעת, נעשה ממנה דייקא תורת ה' ממש. כי שם נסתר תורת ה', סתרי תורה כנ"ל".

# גם צדיקים בהכרח שיעבור עליהם

(בפשטות) קומט אויס, איז די זאך נאר שייך צו זאגן אויף איינעם וואס איז גאר, איך וויים, א חוטא ופושע, ער האט נישט קיין שום חיות פון די מאמרים המתגלים, אבער דער אמת איז אז עס איז שייך פאר יעדן איינעם[ח]; יעדער איינער דארטן וואו עס איז פון אים נעלם, דארטן וואו ער דארף זיך עפעס פאררעכטן א זאך, דארטן וואו די זאך איז פגום, יעדער איינער - (שם צריך לחפש ולצעוק "איה").

דער רבי האט דאך געהייסן מען זאל זיך מיישב זיין פאר'ן אויבערשטן, יעדער איינער זאל וויסן ביי זיך זיין חסרון וואס אים פעלט וואס דארטן איז ער פון אים נעלם און דארטן דארף ער שרייען "איה" - 'איה, רבונו-של-עולם, וואו ביסטו אזוי פיל נעלם געווארן אז פון די מאמרים המתגלים האב איך נישט קיין חיות?'...

אז ער מוז נאר נעמען חיות פון דעם מאמר סתום און דארטן איז דאך סתום, מוז ער טאקע שרייען 'איה' אסאך. 'איה' איז 'השה לעולה', דאס איז א 'שה לעולה' און דאס וועט אויפדעקן.

(אחד הנוכחים: מען האט געהערט טאקע שרייען אסאך ביי כתר - "איה"?) הע הע... דעם "איה" קען מען שרייען ביינאכט אויך, נישט נאר ביי 'כתר'... דאס איז א מין חיפוש, מען זוכט דעם אויבערשטן.

צדיקים האבן געזוכט דעם אויבערשטן. - אין תורה ל"ח זאגט דער רבי מיט דעם לשון: **"דער צדיק וואס דינט דעם אויבערשטן בדביקות גדול ובשכל גדול, אז ער פאלט אראפ אין עפעס א מדריגה פחותה ממנה, כאטש די מדריגה אין וואס ער איז איצטער איז א מדריגה גדולה לערך שאר הצדיקים, אבער מחמת לפי ערכו**

---

[ח] עי' ליקוטי הלכות נפילת אפים ה"ו, אות ב', וזל"ש: **"בענין ירידה תכלית העליה יש כמה וכמה בחינות**, כי יש שנפלו וירדו ממש, שירדו על ידי מעשיהם ותאוותיהם למקום שירדו ונפלו לשם, חס ושלום, אבל גם הם יכולין לעלות כשחותרין לשוב להשם יתברך באמת ומקרבין עצמן לצדיקי אמת שמלמדים ומחזקים אותם שלא יתיאשו עצמן מן הצעקה להשם יתברך ומהחיפוש ובקשה וכו' כנ"ל, שאז על ידי הבקשה והחיפוש איה וכו', על ידי זה עולין לתכלית העליה לבחינת בראשית איה מאמר סתום וכו' כנ"ל, **אבל גם כשרים וצדיקים גדולים ונוראים בהכרח שיעבור עליהם כל הנ"ל**. וכמה פעמים הם מורידים את עצמן בכוונה לבחינת מקומות הנ"ל, שהם בחינת מקומות המטנפים כדי להעלות משם ניצוצות ונשמות קדושות שנפלו לשם בבחינת ירידה תכלית העליה כנ"ל, וכמובן שם בהתורה הנ"ל בסופו שכתב שם", עיי"ש.

**איז דאך עס א נפילה, שעמט ער זיך מיט די מדריגה 'כאילו חטא איזה חטא', און ער טוט תשובה 'כאילו חטא איזה חטא', און ער קומט דערצו צו א בושה גדולה"**[ט].

קומט אוים, ביי די צדיקים, אז עפעס א דק מן הדק – וואס מיר האבן גארנישט קיין געפיל צו רעדן דערפון – פילט ער דארטן אז עפעס השגות אלקות איז ביי אים געווארן נעלם, שעמט ער זיך אזוי פארן אויבערשטן, הויבט ער אן שרייען: 'רבוש"ע, איה איה, וואו ביסטו אזוי נעלם? איך בין דאך נעלם פון דיר'.

## מה חמית? מה פשפשת?

יעדער מאמר וואס דער רבי האט געזאגט איז שייך פאר דעם קלענסטן און פאר דעם גרעסטן. דער ענין פון זוכן 'איה' איז דאך (שייך) פאר דעם קלענסטן (וואס איז פארווארפן דארטן אין די מקומות המטונפים און ער האט נישט קיין שום חיות פון די מאמרים המתגלים און ער מוז נעמען חיות פון דעם מאמר סתום, דארף ער אוודאי זוכן דעם אויבערשטן. און ווייטער, (איז דאס אויך שייך) פאר דער גרעסטן, גאר דער גרעסטער. ווארום דער אמת איז אז דער "איה מקום כבודו" האבן דאך געשריגן גאר די "דרי מעלה" (די מלאכים), זיי זאגן דאך "איה".

דאס איז ביי יעדן איינעם אזוי, און דאס איז די גאנצע זאך פון דעם אמת'ן צדיק וואס ער ווייזט צו יעדן איינעם, דעם קלענסטן ממש. דער רבי האט דאך אזוי געזאגט: **"צו מיר ווערן מקורב אזעלכע מענטשן וואס דער שאול תחתיות איז פאר זיי**

---

[ט] וזל"ש באות ז': "וזה שסיפר התנא (בכורות נ"ז:): ארז נפל במקומנו, ועברו עליו ששה עשר קרנות על חדו. כי ידוע שהצדיק שעובד את ה' בדביקות גדול, ובשכל גדול, כשנופל לאיזה מדריגה פחותה ממנה. אף על פי שזאת המדרגה שהוא עכשיו בה, גם היא מדריגה גדולה לערך שאר הצדיקים. אבל מחמת שלפי ערכו הוי לה נפילה הוא מתבייש בזה המדריגה כאילו חטָא איזה חֵטא. ועושה תשובה על זה, כאילו חטא. ובא על ידי זה לבושה גדולה".

קארג"[י]. און (כמו"כ אמר:) **"וואו עפעס רעכטס איז מחויב מקורב צו ווערן צו מיר"**[יא]. האט דאך דער רבי ביידע זאכן געזאגט.

דער תירוץ איז: אז ער קען געבן ביידע, מיט דעם אייגענעם 'איה' קען ער מחיה זיין ביידן. פאר דעם קלענסטן וואס דער שאול תחתיות איז פאר אים קארג, אים וועט ער זאגן: 'זוך, זוך, זוך וועסטו געפינען, דער אויבערשטער שטייט דאך לעבן דיר, נאר וואס דען? ער איז פארדעקט. זוך, וועסטו אים געפינען!'. און ווייטער פאר דעם גרויסן זאגט ער אויך: 'זוך דעם אויבערשטן, זוך, זוך אים!'.

עס שטייט טאקע אין זוהר הקדוש: אז א מענטש קומט אן אויבן זאגט מען אים: "מה, מה חמית?" - וואס האסטו געזעהן? דו האסט דאך נאך גארנישט, "מה פשפשת?"[יב]. זיין התקרבות איז, וואס מען ווייזט אים - "מה", וואס האסטו געזעהן? וואס האסטו אפגעזוכט? האסט דאך נאך גארנישט. מען גיט אים אריין א כח אז ער זאל ווייטער שרייען 'איה', ער זאל ווייטער זוכן, דאס איז די התקרבות פון די גדולים.

(ר' נחמן: איך האב אמאל געקלערט א פלא'דיגער זאך, מען זאגט אין דעם פיוט פון די הושענות דארטן: "זעק איה השה לעולה")

# זוכן שטיקלעך אייזן מיט האלץ

דאס ווייסט מען, אז עס איז געווען אמאל א שריפה אין ברסלב, עס שטייט שוין געדרוקט[יג], און נאך די שריפה האט ר' נתן גענומען איינעם פון זיינע מענטשן און

---

[י] עי' חיי מוהר"ן, אות ש"י: "אמר כמה צלם אלקים היו מונחים ברפש שאני הוצאתים מהרפש וכו' וכו', כי נראה בחוש שהמתקרבים אלי נשתנה פניהם, ובא עליהם פנים של יהודי בחינת צלם אלקים. **הלא יש אצלי אנשים שאיני יודע אם השאול תחתיות היה די להם, כי גם השאול תחתיות היה קטן לפניהם,** שאם היה אפשר להם לחתור תחת שאול תחתית היו חותרים, ועל יָדִי נתקרבו וכו'".

[יא] עי' חיי מוהר"ן, אות רפ"ו: "אמר: כבר תמהתי על העולם שהיכן שנמצא איזה טוב אמיתי ראוי שיתקרב אלינו (**ווי סע גיפינט זיך עפיס רעכטס איז מחויב צו מיר מקורב צו ווערן!**)".

[יב] עי' הקדמת הזוהר דף א ע"ב: "כֵּיוָן דְּשָׁאַל בַּר נָשׁ וּמְפַשְׁפֵּשׁ לְאִסְתַּכְּלָא וּלְמִנְדַּע מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא עַד סוֹף כָּל דַּרְגִּין, כֵּיוָן דְּמָטֵי תַּמָּן - מַ"ה? מַה יָּדַעְתָּ? מַה אִסְתַּכַּלְתָּא? מַה פִּשְׁפַּשְׁתָּא? הָא כֹּלָּא סָתִים כְּדְקַדְמִיתָא".

[יג] מובא ב"כוכבי אור", אנשי מוהר"ן - ערך 'איזה דיבורים ממוהרנ"ת', אות כ"ט: "אמר המעתיק, שמעתי אשר פעם אחת היה שריפה בברסלב, אחר כך הלך מוהרנ"ת ז"ל עם עוד איזה אנשים להביט על מקום השריפה, וראה שהבעל הבית בוכה מאד ומחפש איזה חתיכת עץ או ברזל שיצטרך לו עוד בעת שיבנה ביתו מחדש ולקט אותם אחד אחד ענה ואמר לאנשיו: הראיתם? איך שזה הבעל הבית שנשרף ביתו עם כל זה אינו מייאש את עצמו מלחזור ולבנותו ומלקט כל הדברים שיצטרכו לו בעת הבנין, כך הדבר ברוחניות גם כן, אף שהבעל דבר מתגבר מאד על האדם

געגאנגען מיט אים צו די שריפה, און יענער האט נישט פארשטאנען: 'פארוואס דארף ר' נתן גיין צו די שריפה?'. האט ער געזעהן ווי דער בעל-הבית פון דער הויז וואס איז געווארן פארברענט זוכט דארטן שטיקלעך אייזן און שטיקלעך האלץ מיט וואס ער זאל קענען מאכן צוריק דעם בנין.

- האט אים ר' נתן געזאגט: "זעהסטו? עס איז דאך נאר וואס געווארן פארברענט, און פונדעסטוועגן איז ער זיך נישט מייאש און זוכט שוין שטיקלעך אייזן מיט שטיקלעך האלץ וואס עס וועט אים ניצן אויף צורעכט מאכן דעם נייעם בנין".

שוין, צוליב דעם איז ער (ר' נתן) געגאנגען, יענער האט באדארפט האבן די דיבורים (לחיזוק. הוא אמר לו:) 'זעהסטו ווי אזוי מען דארף זיך מחזק זיין? נאך א שריפה, עס איז פארברענט געווארן, אבער ער זוכט שוין צו קענען עפעס ארויסנעמען וואס וועט אים נוצן. ער וועט דאך נאכאמאל בויען דעם בנין, זאל ער קענען פון דאנעט ראטעווען'.

נו, דאס איז אינגאנצן געווען דעם רבי'נס זאך. א מענטש ווייסט דאך נישט - - ווי אזוי אויבן פירט מען מיט א מענטשן קען מען גארנישט וויסן, 'לאו כל אדם זוכה לזה' עס זאל אים גיין כסדר אין אלעם. דער אויבערשטער וויל א מענטשן זעהן אין אלע צייטן 'ווי אזוי ביסטו מיינער א זעלנער? איך וויל דיר פרואוון'.

- (השי"ת אומר:) 'דו דינסט מיר טאקע, אלעם פיין און גוט, איך וועל דיר געבן אביסל א פרואוו, לאמיר זעהן צו דו וועסט זיך האלטן אין מיר!'. - גיט מען אים אביסעלע א פרואוו. וואס איז דער פרואוו? אז ער ווערט אן דאס חיות אינעם דאווענען, ער דאוונט אָן חיות, ער לערנט אָן חיות, עס גייט אריבער עפעס אזוי... - 'וואס וועסטו דעמאלט טאן? צו וועמען וועסטו זיך ווענדן דעמאלט? דו וועסט זיך מייאש זיין 'אז איך בין אוים דיין טאטע'?! איך בין שוין געווארן אוים דיין טאטע?! איך האב דיר שוין אינגאנצן פארלאזט?!'...

דער אויבערשטער וויל (זעהן) 'וואס וועט ער דעמאלט טאן'. נו, און דעמאלט זעהט ער טאקע אז דער מענטש האלט זיך, ער הויבט אן שרייען צום אויבערשטן: 'רבונו-של-עולם, איה? וואו ביסטו? דו ביסט דאך אזוי נעלם פון מיר, איך קען דאך נישט' -

---

וכמעט ששורף אותו לגמרי, אף על פי כן אסור לו לייאש את עצמו רק צריך ללקט ולחפש איזו נקודות טובות מתוך ריבוי החטאים אשר נכשל בהם, ועל ידי זה יזכה לשוב להשם יתברך באמת כמבואר בהתורה אזמרה וכו' (ליקוטי מוהר"ן סימן רפ"ב)".

אבער ער האלט זיך, ער זוכט. נאר איינער (איז דא, לעומת זה) 'אז עס גייט נישט, גייט נישט!'.

# "ובזה טועין החסידים"

זאגט דער רבי טאקע: "ובזה טועין החסידים". זיי מיינען אז מען ווארפט זיי אראפ, 'עס איז נישט אראפגעווארפן' - אין תורה כ"ה[יד] - 'זיי מיינען אז ס'איז אראפגעווארפן, דאס איז נישט אראפגעווארפן, דאס איז אמאל אַן "הֲרָמָה"'[טו], דער אויבערשטער וויל אים פרואוון. פארקערט, ווייל ער וויל גיין העכער און דער אויבערשטער וויל אז ער זאל גיין העכער, (אומר השי"ת:) 'לאמיר זעהן ווי דו וועסט זיך האלטן אז דו וועסט אביסל האבן א (ירידה)'. און אז ער האלט זיך טאקע, איז נאכדעם דער 'תכלית העליה'.

דאס (ענין של צעקת "איה") איז געזאגט געווארן (סיי) פאר די פריערדיגע דורות, די פריערדיגע צדיקים, און דאס איז איצטער אויך אזוי. נאר איצטער גייט עס פשוט אויף א פראסטן אופן; א מענטש אז ער גייט ארויס אינדרויסן ווען ער דארף גיין אינדרויסן - אז נישט דארף ער גארנישט גיין, דער רשות היחיד איז דאך 'רשות יחודו של עולם', און דער רשות הרבים איז גאר אן ארט פון קליפות[טז] - אויב ער דארף, ער מוז גיין, מוז

---

[יד] שם בסופו, וזל"ש: "כשאדם נעתק ממדריגה למדריגה, אז צריך לו לילך דרך אלו הדמיונות כדי להגיע אל הקדושה. ותיכף כשעולה להמדריגה השניה, אזי נתעוררין הקליפות שבמדריגה ומסבבין אותו, וצריך להכניע אותם מחדש וכו' עיי"ש. ואף על פי שכבר נשבר הקליפה שבמדריגה העליונה וכו', אף על פי כן כשפנימיות של העליון נעתק משם וחיצוניות (ופנימיות) התחתון עולה, אזי הקליפה חוזר וניעור וכו' עיי"ש. ואמר אז בזה הלשון: **ובזה טועין החסידים הרבה, שפתאום נדמה להם שנפלו מעבודת ה', ובאמת אין זה נפילה כלל, רק מחמת שצריכין לעלות ממדריגה למדריגה, ואז מתעוררין ומתגברין מחדש הקליפות, שהם התאוות והבלבולים והדמיונות והמחשבות והמניעות כנ"ל, על כן צריכין להתגבר בכל פעם מחדש לחזור ולהכניע ולשבר הקליפות והמניעות וכו' שבכל מדריגה ומדריגה מחדש, אבל באמת אין זה נפילה כלל!** כנ"ל".

[טו] שם: "ודע שאין שני בני אדם שוין וכו', נמצא כשאחד רוצה לעלות ממדריגתו למדריגה עליונה יותר אזי הולך ונעתק האדם העומד באותה המדרגה העליונה, והולך ונעתק למדריגה היותר עליונה וכו'. ואמר אז בזה הלשון: וזה בחינת "**הרמה**", מה שאחד מרים ומגביה את חבירו. כי על ידי שזה האדם שבמדריגה התחתונה עלה מדרגא לדרגא, על ידי זה הגביה והרים את חבירו שבמדריגה העליונה, לעלות למעלה עליונה יותר. וכן חבירו דחבירו הגבוה עוד יותר מחבירו, עלה עוד יותר למעלה, וכן למעלה למעלה, כי אי אפשר שיהיו שני בני אדם במדרגה אחת כנ"ל".

[טז] עי' ליקוטי הלכות ראש השנה ה"ד, אות ז': "**עיקר הקדושה היא בתוך הבית של אדם, כי ידוע שבחוץ הוא מקום שליטת החיצונים, ועל כן נקראים 'חיצונים' שמקומם 'בחוץ', אבל בתוך הבית הוא מקום משומר מהם. ושם עיקר המשכת הקדושה** בבחינת "בחכמה יבנה בית ובתבונה יתכונן ובדעת חדרים ימלאו" (משלי כד) שבתוך בית ישראלי שהוא בית של הקדושה נמשך לשם בחינת חכמה ותבונה ודעת שהוא בחינת כלליות התורה כלליות הקדושה".

מען דאך גיין - זאל ער בעטן דעם אויבערשטן ער זאל ארויסגיין און קומען קריק 'און זיין גאנץ'. ער זאל חלילה נישט נכשל ווערן מיט קיין קוק, און נישט נכשל ווערן מיט קיין געדאנק, און נישט נכשל ווערן מיט קיין דיבור.

- דאס איז א גאנצע מלחמה. "כי תצא למלחמה" - אז מען גייט ארויס, איז שוין א מלחמה... דארף מען שוין בעטן דעם אויבערשטן. (מען רעדט) אויב איך 'מוז' ארויס, ווייל קען זיין איך דארף נישט גיין דארט, איך וועל זיך ארײנלאזן און נאכדעם - - ווער הייסט דיך גיין? דו קענסט דאך זיצן אין שטוב. נאר אויב ס'מאכט זיך אז איך מוז גיין, איך מוז אמאל גיין, דארף מען בעטן דעם אויבערשטן אז מען זאל זיין א "**ושמור צאתנו ובואנו**"[יז].

❖ ❖ ❖

## 'חכמתו מרובה ממעשיו'

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט: "**פארוואס קריגט מען אויף מיר? ווייל מיין זאך איז תפילה וואס דאס איז 'דברים העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלין בהן'**"[יח]. און וואס הייסט תפילה? "תפילה" הייסט, אז יעדער זאך זאל איך בעטן דעם אויבערשטן, דאס הייסט תפילה.

אברהם האט גערופן דעם מקום התפילה - "הר", און יצחק האט אים גערופן - "שדה", און יעקב האט אים גערופן - "בית". זאגט דער רבי דארטן[יט], אז א 'הר' איז

---

[יז] לתפילה נאה עכ"ז עי' בליקוטי תפילות תפילה מ'.

[יח] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' צ"ג: "**שמעתי בשמו, שאמר לענין המחלוקת שהיו חולקים עליו.** כי אמרו רז"ל (ברכות ו:)**: "כרום זולות לבני אדם" 'אלו דברים העומדים ברומו של עולם, ובני אדם מזלזלין בהם, ומאי ניהו? תפילה'. על כן מחמת שכל עסקו תפילה.** כי בענין תפילה היה מרבה לדבר עם אנשיו, והזהירם מאד להרבות בתפילה והתבודדות ושיחה בינו לבין קונו, כמבואר בספריו הקדושים ויותר מזה הרבה לדבר עמנו וחיזק אותנו בהתחזקות בלי שיעור, להרבות בתפילה והתבודדות. **על כן בני אדם מזלזלין בו ומבזין אותו וחולקין עליו**, כי כל עסקו הוא תפילה, שהם דברים העומדים ברומו של עולם, ובני אדם מזלזלין בהם. **והבן**".

[יט] עי' ספר ליקוטי מוהר"ן סי' י, וזל"ש: "**לעכו"ם אי אפשר להם לידע גדולתו של הקדוש ברוך הוא, כי אם על ידי בחינת יעקב, כמו שכתוב** (ישעיהו ב)**: "בית יעקב לכו ונלכה באור ה'", כי הוא גילה אלקותו של הקדוש ברוך הוא יותר משאר האבות.** כי אברהם קראו הר, ויצחק קראו שדה (פסחים פח.). ושדה הוא יותר מושג ונצרך להעולם מהר; **ויעקב קראו בית, שהוא מקום ישוב לבני אדם יותר משדה, היינו שיעקב קרא את מקום הבית המקדש, שהוא מקום התפילה בית, שהוא מקום ישוב לבני אדם**, כי העלה את התפילה מהר ושדה לבחינת בית,

נישט אזוי מושג, מען קען זיך אויסלעבן די יארן אן א בארג. 'שדה' איז שוין אביסל מערער, אבער אויך נישט. אבער 'בית' - ווי קען איך זיין אָן א בית? קען א מענטש זיין אָן א בית?!

יעקב האט מודיע געווען אז דאס איז אזוי ווי א בית, אזוי ווי א שטוב. אזוי ווי דו קענסט נישט זיין אן קיין שטוב, קענסטו נישט זיין אן קיין תפילה. און דאס הייסט תפילה, דאס הייסט תפילה, אז וואו איך גיב זיך א דריי, א ריר, זאל איך בעטן דעם אויבערשטן.

דער רבי האט געהייסן מאכן פון תורות – תפילות; אז ווען מען לערנט עפעס זאל איך בעטן דעם אויבערשטן איך זאל מקיים זיין, איך זאל מקיים זיין וואס איך לערן[כ].

ווייל אז נישט - פלעגט ר' אברהם ר' נחמן'ס זאגן - די משנה זאגט דאך: אויב ס'איז 'חכמתו מרובה ממעשיו' איז ער 'דומה לאילן שענפיו מרובין ושרשיו מועטין והרוח באה ועוקרתו'[כא] - עס קומט א ווינט און רייסט אים אויס. איז ווער קען זיך בארימען אז די 'מעשיו' איז מער ווי די חכמה?! ער לערנט דאך, א למדן - און די 'מעשיו' זאלן זיין (מרובין)?. 'חכמתו מרובה ממעשיו' איז דאך א געוואלד, ס'איז דאך 'רוח באה ועוקרתו' - עס קומט א ווינטעלע און גיט אים א קער איבער, ער רייסט אים אויס. - האט ר' אברהם ר' נחמן'ס געזאגט, אז דער עיקר מעשיו איז תפילה[כב]. "חכמתו מרובה ממעשיו", הייסט, ווען ער לערנט - און עס גייט נישט קיין תפילה נאכן לערנען. אבער אז מען לערנט עפעס - וואס דאס איז דאך 'חכמתו', און מען שטעלט שוין צו די תפילה, מען בעט דעם אויבערשטן 'איך זאל מקיים זיין', איז ער פארזיכערט אז ער וועט ניצול

---

שיש בו תפיסה לבני אדם יותר מהר ושדה; **כי בבחינת בית יש גם לעכו"ם השגה, כמו שכתוב** (ישעיהו נ"ו)**: "כי ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים"**.

[כ] עי' בליקוטי מוהר"ן תניינא, סי' כ"ה: **"טוב לעשות מהתורה תפילה.** דהיינו כשלומד או שומע איזה מאמר תורה מצדיק האמת, אזי יעשה מזה תפילה, דהיינו לבקש ולהתחנן לפניו יתברך על כל מה שנאמר שם באותו המאמר, מתי יזכה גם הוא לבוא לכל זה, וכמה הוא רחוק מזה. ויבקש מאתו יתברך, שיזכהו לבוא לכל הנאמר שם באותו המאמר ...**ועניין השיחה זו עולה למקום גבוה מאד, ובפרט כשעושה מתורה תפילה, מזה נעשה שעשועים גדולים מאד למעלה"**.

[כא] משניות אבות פ"ג, מי"ז.

[כב] עי' ליקוטי הלכות ראש חודש ה"ה, אות כ"א: "וזה בחינת צילתה מרובה מחמתה, כי בהסוכה מעורב הצל והחמה, שהם בחינת תורה ותפילה, אבל הצל צריך שיהיה מרובה, **כי עיקר היא התפילה, שהוא בחינת יראה, בחינת ראשית חכמה יראת ה' וכו', בחינת מעשיו מרובין מחכמתו, כי תפילה כזאת היא בחינת מעשה** וכו'".

ווערן פון דעם עונש פון 'רוח באה ועוקרתו'. פארוואס? ווייל די תפילה גייט נאך די תורה.

# ועיני לאה רכות

ר' נתן רעדט דאך אין א הלכה, אין אורח חיים איז די הלכה[כג], אז יעקב אבינו איז געגאנגען נעמען רחל'ען - ער ברענגט דארטן דעם אר"י הקדוש: אז יעקב איז תורה שבכתב, און רחל איז תורה שבעל פה - 'כרחל לפני גוזזיה' ('שהכל גוזזין ופוסקין ממנה הלכות'). איז 'יעקב', די תורה שבכתב, האט נישט קיין שלימות אָן תורה שבעל פה, האט ער געמוזט אנקומען צו רחל'ען.

און וואס איז ווייטער 'לאה'? לאה איז תפילה, "ועיני לאה רכות". אז מען האט שוין תורה שבכתב, און מען האט שוין תורה שבעל פה, מוז מען האבן לאה. לאה איז תפילה. לאה איז געגאנגען תמיד מיט פארוויינטע אויגן, 'ועיני לאה רכות'[כד]. - און דעמאלט איז עס טאקע יעקב.

---

[כג] עי' בליקוטי הלכות הל' ראש חדש ה"ה, אות כ"ט, באריכות נפלא, ושם בא"ד: "וזה בחינת יעקב ולאה ורחל. **רחל זה בחינת תורה שבעל פה.** (כמו שכתב רביז"ל בסימן י"ב בהתורה "תהילה לדוד"). **'לאה' זה בחינת תפילה, בחינת "ועיני לאה רכות", שהיתה בוכה שלא תיפול בחלקו של עשו.** בבחינת "בבכי יבואו ובתחנונים אובילם". יעקב זה בחינת כלליות התורה, בחינת תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב, היינו בחינת תורה שבכתב, כי תורה שבכתב ותורה שבעל פה הם בחינת איש ואשה, בחינת יעקב ורחל כידוע", יעייעו"ש.

[כד] עיי"ש בהמשך: "ועל כן נאמר על התפילה כרום זולות וכו'. ודרשו רז"ל אלו דברים העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלין בה ומאי ניהו תפילה. וזה בחינת ורחל היתה יפת תואר ויפת מראה ועיני לאה רכות וכו'. כי יופי ההידור התורה שבעל פה הכל רואין וחשוב בעיני הכל והכל רצין אל המשנה. **אבל ועיני לאה רכות שהיתה בוכה תמיד שלא תיפול בחלקו של עשו. שזהו בחינת התפילות שמתפללין להשם יתברך להינצל מהיצר הרע וחיילותיו שזהו הס"מ שהוא שרו של עשו. וזהו בחינת שהיתה בוכה שלא תיפול בחלקו של עשו. והיתה בוכה כל כך עד שהיה עיניה רכות. וזה רמז על כנסת ישראל על שכל אחד ואחד מישראל צריך לבכות כל כך כמו לאה שלא יפול בחלקו של הס"מ ח"ו שהי בחינת עשו** (וכמובא רמז זה במקום אחר) **אבל מעלות וחשיבות ענין זה של תפילה אין הכל רואין. כי הוא בחינת עלמא דאתכסיא. כי סוד התפילה גבוה וסתם ונעלם מאד. ועל כן אין בני אדם אפילו הכשרים רצין אחר זה כל כך. ואדרבא בני אדם מזלזלים בה. כי תפילה הוא בחינת דברים העומדים ברומו של עולם שגבוה ונשגב מאד אבל בני אדם מזלזלין בה.** ואפילו יעקב לא היה יכול לעמוד על הדבר הנ"ל ועבד ברחל דייקא וכנ"ל, (עיי"ש).

אדרבה, די עיקר שבטים איז דאך ארויס פון לאה, דער עיקר גייט טאקע ארויס פון תפילה, תורה מיט תפילה. יעקב און רחל איז תורה, און לאה איז תפילה, און דעמאלט האט עס א שלימות[כה].

# איך האב מורא צו טראכטן...

און דאס הייסט תפילה, אז אויף יעדער זאך בעט איך דעם אויבערשטן. מען האט טאקע די דריי תפילות הקבועות, אבער דעם גאנצן טאג (דארף מען תפילה).

דער רבי זאגט: 'תפילה איז דער טייטש דביקות, תפילה איז התחברות, דביקות'[כו]. 'תפילה' הייסט, וואו איך גיב זיך א ריר זאל איך בעטן דעם אויבערשטן, דאס הייסט תפילה.

אז דער רבי האט געהייסן רעדן צום אויבערשטן דיבורים, איז אויך די זאך. כאטש דער חיוב איז דאך נאר דארטן א צייט, נישט דעם גאנצן טאג, אבער די צייט וואס מען רעדט צום אויבערשטן מאכט אין דעם מענטשן אזא מין קביעות אויפן גאנצן טאג. ווארום איך דערצייל דאך דעם אויבערשטן דעם גאנצן טאג וואס ס'איז אריבער געגאנגען אויף מיר וואס דאס איז דאך דער עיקר 'התבודדות', 'כל לבו', איך דערצייל דאך דעם אויבערשטן 'כל לבו'.

---

[כה] עיי"ש בהמשך: "**ועל כן עיקר ההולדה על ידי לאה שילדה ששה שבטים, כי עיקר תולדות של צדיקים שהם מעשים טובים, הם על ידי התפילה**, שהיא בחינת לאה עלמא דאתכסיא כנ"ל. וגם כל ההולדה של רחל היה רק בזכות שמסרה סימנים לאחותה. כמו שאמרו רבותינו זכרונם לברכה, "ויזכור אלהים את רחל", שמסרה סימנים לאחותה, **היינו שכל הולדת הצדיקים שמולידין מעשים טובים על ידי התורה, שזהו העיקר, כי לא המדרש הוא העיקר וכו', עיקר ההולדה הוא רק על ידי שמסרה הסימנים ללאה שהיא התפילה**, היינו על ידי שגם כל לימוד התורה שבעל פה בחינת רחל, הכל בשביל לזכות לעשות מהתורה תפילה, שזהו בחינת שרחל מסרה סימני התורה ללאה, שהיא בחינת תפילה כנ"ל, **כי עיקר זכות הצדיקים השלימים שזוכין למצות ומעשים טובים ולהנצל מהיצר הרע וחיילותיו העיקר על ידי תפילה שמתפללין להשי"ת לזכות לקיים את התורה. וכמו שכתב רביז"ל שכל הצדיקים לא זכו למדריגתם כי אם על ידי התבודדות ותפילות וכו', כמבואר בשיחותיו הקדושים**".

[כו] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא, סי' פ"ד: "**דע, שעיקר התחברות ודביקות להשם יתברך הוא על ידי התפילה. כי התפילה הוא שער, שדרך שם נכנסין להשם יתברך, ומשם אשתמודעין ליה**".

אז איך האב היינט גערעדט אזוי איך האב געהאט א בלבול אינמיטן דאווענען, דארף ער אויך דערציילן דעם אויבערשטן: איך האב היינט אזוי, אזוי (געהאט. וכמו"כ יספר לפניו) דאס שלאפן, פאר דעם און נאך דעם. ער דארף דאך אים אלעס זאגן.

דער עיקר התבודדות איז דאך דאס: ער זאל אויסרעדן פאר'ן אויבערשטן אלעס. מען גייט איבער דעם טאג (ביי התבודדות), דאס איז דער עיקר. אז נישט האט ער גארנישט קיין דיבורים, ער האט גארנישט קיין דיבורים צו רעדן. אבער אז ער וועט דערציילן פארן אויבערשטן 'כל לבו' וועט ער האבן דיבורים. קומט דאך אויס אז דער התבודדות איז גאר א ישוב הדעת אויפן גאנצן טאג, און דאס איז דאס חיות פון דעם גאנצן טאג.

ר' נפתלי האט א זאג געגעבן אמאל: "איך האב מורא צו טראכטן, אז איך וועל קומען צום רבי'ן וועט דער רבי מיר זאגן: 'נפתלי, וואס האסטו געטראכט?!'"[כ]

- מיר דארפן דאך אויך זאגן: "איך האב מורא, דער אויבערשטער וועט מיר זאגן 'וואס האסטו געטראכט?!'". מיר דארפן זאגן דאס: "ווי קען איך טראכטן? איך וועל באלד דארפן דערציילן דעם אויבערשטן: 'איך האב געטראכט (כך וכך)', איך וועל דארפן אלץ אויסרעדן פאר השי"ת און זאגן: 'רבונו-של-עולם, איך האב געטראכט'". (ואזי השי"ת ייאמר לו:) "פארוואס האסטו געטראכט? דו האסט געמוזט טראכטן?!".

איז דער התבודדות גיט דאך עפעס אריין א מין לימוד אויפן גאנצן טאג - "איך האב דאך א שייכות מיטן אויבערשטן, איך וועל דאך אים מוזן דערציילן. איך וועל דאך אים מוזן דערציילן 'דאס האב איך גערעדט, דאס האב איך געקוקט, דאס האב איך געטראכט'" (א.ד.ג.). און אז מען רעדט צום אויבערשטן אלעמאל די דאזיגע דיבורים, (און איך ווייס) איך וועל מארגן נאכאמאל און נאכאמאל (דארפן דערציילן) דאס אייגענע, מוז דאך ווערן עפעס א שינוי. איך וועל דאך אים דארפן דערציילן, איך דארף דאך אמאל אים דערציילן.

[כ] ר' לוי יצחק שמע שיחה זו מרבי ישראל הכהן טירהאוויצער שגדל בביתו של ר' נפתלי; והיה רבי ישראל מספרה תמיד באותו לשון וסגנון ובאותה תנועה כפי ששמעה מפי רבי נפתלי. (שיש"ק ח"ב, אות תשפ"ד)

# להנהיג המוח כרצונו

**און צו די אלע זאכן האט דער רבי מזהיר געווען מען זאל זיין בשמחה, "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד"[כח]. ווארום אפילו דער 'התבודדות' און 'רעדן צום אויבערשטן' און גערעדנקען** (לספר לפניו מה שבלבו)**', קען אויך זיין נאר דורך שמחה[כט]. אויב ער וועט נישט האבן קיין שמחה וועט ער גארנישט רעדן, ער וועט גארנישט גערעדנקען, עס וועט גארנישט זיין, ער וועט זיין אינגאנצן אן חיות, מרה שחורה.**

**דער רבי זאגט: אז שמחה איז חירות המח[ל], און נישט שמחה איז שעבוד[לא]. שעבוד גערעדנקט מען גארנישט אויך, ער וועט גארנישט גערעדנקען אפילו. שמחה איז עפעס א מין חירות, א מין זכרון, אז מען גערעדנקט אז מען קען זיך אויסרעדן פארן אויבערשטן!**

---

[כח] ליקוטי מוהר"ן תניינא כ"ד.

[כט] ע' שיחות הר"ן סי' כ': **"כשהאדם כל היום בשמחה אזי בנקל לו לְיַחד לו שעה ביום לשבר את לבו ולהשיח את אשר עם לבבו לפני השי"ת כמבואר אצלנו כמה פעמים, אבל כשיש לו עצבות ח"ו קשה לו להתבודד ולפרש שיחתו"**. גם ע' ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ד, בסופו: **"עיקר התגברות המדמה הוא על ידי עצבות**, כי המדמה הוא בחינת עצבות רוח, רוח נכאה, רוח רעה, שהוא מבלבל את הרוח טובה, רוח נבואה, **שהוא בחינת זכרון** הנ"ל, בחינת לאדבקא מחשבתא בעלמא דאתי הנ"ל. **ועל כן אין יכולין לקבל רוח נבואה, רוח הקודש, כי אם על ידי שמחה**, שהוא בחינת מנגן ביד, כמו שכתוב: "והיה כנגן המנגן ותהי עליו יד ה'", בחינת: "ונגן בידו וטוב לך" ".

[ל] ע' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י': **"אך דע, שעל ידי מרה שחורה אי אפשר להנהיג את המח כרצונו, ועל כן קשה לו לְיַשב דעתו. רק על ידי השמחה יוכל להנהיג המח כרצונו, ויוכל לישב דעתו, כי שמחה הוא עולם החירות**, בבחינת (ישעיה נ"ה): "כי בשמחה תצאו", שעל ידי שמחה נעשין בן חורין ויוצאין מן הגלות. ועל כן כשמקשר שמחה אל המח, אזי מוחו ודעתו בן חורין, ואינו בבחינת גלות, ואזי יוכל להנהיג את מוחו כרצונו ולישב דעתו, מאחר שמוחו בחירות ואינו בגלות. כי על ידי גלות אין הדעת מיושב, כמו שדרשו רז"ל (מגילה יב:) על בני עמון ומואב, דמיתבא דעתייהו מחמת שלא הלכו בגלות, שנאמר (ירמיה מ"ח): "שאנן מואב מנעוריו וכו', ובגולה לא הלך, על כן עמד טעמו בו" וכו'".

[לא] ע' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י"ז: "עיקר הכסילות הוא מחמת השעבוד שיש בחול, כי **על ידי השעבוד אין הדעת שלם**. וכמו שכתוב במואב (ירמיה מ"ח): "שאנן מואב מנעוריו וכו' ובגולה לא הלך, על כן עמד טעמו בו" וכו'. וכמו שאמרו רז"ל (מגלה יב:), כי על ידי שעבוד וגלות, הדעת מבולבל. אבל בשבת הוא חירות, וכשיש חירות ואין שעבוד וגלות, אזי הדעת שלם כנ"ל. **ועיקר החירות על ידי התענוג והשמחה** של שבת, בחינת (ישעיה נ"ח): "אז תתענג על ה'", הנאמר בשבת. **ועל ידי זה נעשה חירות, בבחינת** (שם נ"ה)**: "כי בשמחה תצאו"**, שעל ידי שמחה יוצאין לחירות. וכשיש חירות, הדעת בשלימות כנ"ל.

# טובים השנים מן האחד

אונזערע לייט פלעגן זאגן: "טובים השנים מן האחד", מיינט, 'תורה מיט תפילה'[לב]. א איד אז ער לערנט, א מתמיד אין תורה איז אוודאי זייער גוט, אבער 'טובים השנים מן האחד'.

דער רבי זאגט דאך אין א תורה: "על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו". "בבל" - דאס איז 'תלמוד בבלי'. "גם בכינו", זאגט דער רבי, דאס איז געווארן פון אסאך טרערן. און דערפאר הייסט עס 'מסכת', (כמו שכתוב:) "בבכי מסכתי"; דער תלמוד בבלי איז געווארן פון אסאך טרערן[לג].

נישט (סתם) אזוי איז געווארן 'אביי ורבא', דאס איז געווארן פון אסאך טרערן. האבן מיר א מסכת, 'על נהרות בבל', 'גם בכינו'. עס איז אן אנדערע תורה, עס איז אנדערש יעדער זאך. נו, דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן מקיים זיין דאס דאזיגע.

❖ ❖ ❖

דאס הייסט דאך אן 'עבד', וואס הייסט אן עבד? אן עבד איז דאך נישט דער פשט אז ער איז אן עבד אויף די צייט, אויף די 'שעה'. אן עבד ה' איז א גאנצן טאג אן עבד צום אויבערשטן. און זיין בעל בית איז א בעל בית, וואס דער עבד ווייסט, אז אים קענסטו נישט אפלייקענען, ער ווייסט אלעס, ער ווייסט דיינע מחשבות, ער איז בוחן כליות ולב, "אין דבר נעלם ממך ואין נסתר מנגד עיניך", ער ווייסט אלעס. דאס איז דיין בעל בית - און דו ביסט זיינער אן עבד.

---

[לב] עי' ליקוטי הלכות פקדון ה"ג, אות ט', וזל"ש: **"כי שניהם כאחד טובים להתקרב אליו יתברך ועל זה נאמר** (קהלת ד, ט)**, טובים השנים מן האחד וכו' כי אם יפלו האחד יקים את חברו וכו'. כי תורה ותפילה, שהם בחינת שכל ואמונה, הם תלויים זה בזה והאחד מחזק ומקים את חבירו".** גם עי' בהלכות אונאה ה"ג, אות ב': **"ועל כן מי שרוצה להיות איש ישראלי באמת צריך שיאחז בשניהם, בתורה ותפילה, כי שניהם כאחד טובים אשר אם יפול, חס ושלום, האחד יקים את חבירו".**

[לג] ליקוטי מוהר"ן סי' רס"ב, וזל"ש: **"ועל כן חיבור ההלכות והחידושין נקרא מסכת. זה בחינת** (תהלים ק"ב): **"וְשִׁקֻּוַי בִּבְכִי מָסָכְתִּי" שצריך למסך המשקה בבכי, כי צריך לבכות מקודם כנ"ל. וזה בחינת** (תהלים קל"ז)**: "על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו", זה בחינת "תלמוד בבלי" שנעשה אצל הישיבות, שמהם נעשין נהרות כנ"ל. וזהו "גם בכינו". כי צריך לבכות מקודם".**

אז דער אויבערשטער העלפט דארטן - מען איז זוכה זיך אויסרעדן פאר השי"ת, און איך האב מיט אים א שייכות אלע טאג, ממילא קען דאך שוין זיין נישט זיין איך זאל זיין אזא מין סארט עזות פנים אז איך זאל אלע טאג אים דערציילן און נאך דעם ווידער טאן דאס אייגענע. (על כרחך) ווערט דאך עפעס א שינוי, און דאס איז דער עיקר חיות.

❖ ❖ ❖

# ר' עוזר מאומאן

איינער איז געווען פון ר' נתן'נס מענטשן, ער האט געהייסן ר' עוזר. פון דעם ר' עוזר איז דא אסאך צו רעדן. דער עיקר, ער איז געווען א גרויסער מתנגד אויף ר' נתן'ען.

ר' נתן פלעגט דרוקן דארט דעם רבי'נס ספרים, האט ער די מאטריצן (לוחות הדפוס) אוועקגעגעבן דעם מדפיס און גענומען אנדערע ספרים פאר זיי - משניות'ן, ספרי פוסקים. ער איז געווען א פשוט'ער מוכר ספרים - ר' נתן.

און ר' נתן איז געקומען קיין אומאן, און אנטקעגן איז געווען דארטן דער ראכמאסטריווקער שול, דארטן האט מען געדאווענט. האט זיך ר' נתן אוועקגעשטעלט מיט ספרים - דעם רבי'נס ספרים און אויך אנדערע ספרים - פוסקים, שאלות ותשובות, און פארקויפט.

זענען צוגעגאנגען דארטן יונגעלייט (און געזעהן מען פארקויפט) ספרים, האבן זיי געקויפט. - און ער האט גערעדט פונעם רבי'ן. נו, יונגעלייט האבן געלאכט, געשפעט.

און דער ר' עוזר איז געשטאנען אונטער די פלייצעס (פון ר' נתן'ען) און פלעגט אים אויסלאכן און נאכקרימען... - און ער (ר' נתן) האט גארנישט געקוקט. ער האט געהאט א דיבור פונעם רבי'ן אז מען זאל רעדן[לד]. (ממילא) איז נישט מיין עסק - 'דער הערט יא, דער הערט נישט', איך דארף רעדן.

[לד] עי 'חיי מוהר"ן שכ"ה: "אמר לי כששאלתיו אם אדבר עם בני אדם, השיב לי: **"שמועס יא"**. שאלתיו: **"איך ווייס אבער ניט וואס יענעם גייט אפ?"** - השיב לי: **"דוא דארפסט ניט וויסן"**. שאלתיו: **"וואס העלף איך אים?"** - השיב: **"וואס האט דאס צו דיר?!"** (כן תדבר. שאלתיו אבל איני יודע מה עובר עליו. השיב לי, אינך צריך לדעת. שאלתיו, מה אני עוזר לו. השיב, מה זה נוגע אליך) והבנתי כוונתו שרצונו לומר "דוא פועל'סט יא" [אתה כן פועל]".

ביז ר' נתן האט אמאל געערדט א שמועס אזוי ווי מען דארף, און ס'איז גוט אריין אין דעם ר' עוזר. איז ער צוגעגאנגען צו ר' נתן'ען און פרעגט אים: 'ר' נתן, וואס טוט מען אז מען איז מבזה א 'חכם שמת'?'. ר' נתן האט שוין פארשטאנען וואס ער מיינט, און ער האט אים דארטן צוגעוויזן אין שולחן ערוך וואס מען דארף טאן[לה]. איז ער גלייך אוועק צום רבי'ן אויפן פעלד, אויפן ציון, און מיטגענומען מיט זיך צען מענטשן, און ער איז געווארן ר' עוזר...

און מען האט אים געוואלט הרג'נען, בקיצור[לו], און דער ר' עוזר איז געווען אזא מין סארט מענטש, ער איז אוועקגעגאנגען מוצאי שבת אין פעלד אריין, אין א וואלד, און ער איז אהיימגעקומען פרייטאג פארנאכט... אזא געוואלד וואס ר' עוזר איז געווען!

עס איז געווען אמאל א דאנערשטאג פארנאכט. דער שטייגער דארטן (איז געווען) אז די קלייטן פון מעל פלעגן זיצן ביז שפעט ביינאכט - צוועלף ביינאכט, ווייל די אלע בעלי מלאכות וואס גייען פון די ארבעט, גייען זיי דעמאלט קויפן מעל אויף שבת. איז א מיל'טשיק (- מוכר הקמח, לאחר עבודתו) געגאנגען דארטן, און ער איז דורכגעגאנגען די גרויסע שול אין אומאן און ער הערט עפעס א קול פון דער עזרת נשים פון דער גרויסע שול. האט ער זיך דערשראקן - 'אפשר האט עפעס פאסירט דארטן ביינאכט אין דער שול?'.

- הערט ער א קול ווי איינער רעדט, דאס איז געווען ר' עוזר. דער רבי האט דאך געהייסן רעדן צו יעדן איבר[לז]. הערט ער ווי ער הויבט אן רעדן - און ער הויבט אן רעדן

---

[לה] עי' שו"ע או"ח סי' תר"ו.

[לו] עי' כוכבי אור, ערך 'אנשי מוהר"ן', אות ל"א: "ר' עוזר ז"ל מאומין היה בתחילה מכת המתנגדים, ואחר כך היה השי"ת בעזרו להכיר את אמיתת מורינו מוהרנ"ת ז"ל עד שנבער לבבו מאד מאד להתקרב אליו, והלך מיד על ציון אדמו"ר ופייס אותו בבכיה וצעקה גדולה על כל דבריו אשר דיבר מקודם. **וכאשר נודע הדבר לבני משפחתו שהיו מהחסידים החשובים והנכבדים שבעיר, רצו להרוג אותו באמת ובפשיטות ותיכף ומיד רץ אחד מאנ"ש והודיע לו שיברח מיד לעיר אחרת הסמוכה וישב שם בין אנשי שלומנו עד שנתקרר אפם וחמתם מעליו וחזר ובא לביתו לשלום**".

[לז] עי' חיי מוהר"ן תמ"ב: "לאחד מגדולי מקורביו (ר' שמואל אייזיק) ז"ל צוה לו בימי נעוריו של המקורב הנ"ל **שבשעת התבודדות ידבר הרבה בפרטיות עם כל אברי גופו ויסביר להם שכל תאוות הגוף הבל. כי הא סוף כל אדם למות, והגוף לקברות יובל וכל האברים יבלו ויתרקבו** וכו' ועוד דיבורים כיוצא באלו". והתנהג כך איזה זמן. ואחר כך סיפר עם רביז"ל והתנצל לפניו באשר שהגוף אינו שומע ומרגיש כלל כל דבריו וטענותיו עמו. אמר לו רביז"ל: "התחזק בענין זה, ואל תרפה ידך מזה, ותראה אחר כך מה שיהיה מהדיבורים הללו". ושמע לעצתו וקיים דבריו עד שזכה אחר כך שכל איבר ואיבר שדיבר עמו בפרטיות נמשך אחר דבריו כל כך, עד שיצא ממנו החיות ממש ונשאר

**צו די אויגן: "אויגן אויגן, אויגן אויגן, יעדער קוק וואס דו וועסט טאן** (אזי לאחר פטירתך) **וועט דער ווארעם ליגן אין דער אויג און ער וועט דיך געבן אזא מין ביס... און וואס דו האסט געטאן נאך א קוק איז"** (גם-כן כנ"ל. וכו'). **- אזוי האט ער ארומגערעדט: "די אויגן, די אויגן" - -** (ובסוף הפטיר:) **"איי עוזר האט דאך נאך נישט אויף שבת? ווערסט האבן אויף שבת! דו ווערסט האבן אויף שבת!".**

- און נאך דעם האט ער אנגעהויבן רעדן ווייטער צו דער מויל - צו די אלע איברים גערעדט. און נאך יעדן איבר האט ער אויסגעלאזט: "איי עוזר האט דאך נאכנישט אויף שבת? ווערסט האבן אויף שבת, ווערסט האבן אויף שבת!"

דער מיל'טשיק האט דאס געהערט, איז ער שוין אוועק, און ער האט אים אריינגעבראכט אין שטוב מעל, ער האט אים שוין געגעבן אויף שבת...

## "דו רעד - ער וועט שוין הערן!"

אט דאס ענין איז געווען דעם רבי'נס זאך - אז מען זאל רעדן צו יעדן איבר. מען זאל אויסמאלן פארן איבר און אריינלייגן אין דעם איבר אריין - (אז פאר) א שלעכטן קוק, א שלעכטן טראכט, א שלעכטן דיבור, וועט דאך דער איבר דערנאך פילן דעם ווארעם גאר שטארקער.

דער רבי האט דאך געהייסן ר' שמואל אייזיק'ן רעדן צו די איברים[לח]. **האט זיך אנגערופן ר' שמואל אייזיק: "איך רעד צום איבר - און דער איבר הערט דאך נישט".** (ענה לו רבינו:) **"דו רעד - ער וועט שוין הערן, ער וועט שוין הערן!"**

(אחרי תקופה) **פלעגט ר' שמואל אייזיק זאגן, אז ער האט גערעדט צו אן איבר איז ארויס דאס חיות פון דעם איבר, און אז דאס האט ער געהאט א מתנה פון דעם רבי'ן.**

---

בלא כח והרגשה כלל. וזה ראה בחוש באיברים החיצוניים כגון אצבעות ידיו ורגליו וכיוצא בזה, עד שאיברים הפנימיים שהחיות תלוי בהם כגון הלב וכיוצא היה צריך לצמצם דבריו מאד בכדי שלא תצא ממנו החיות ממש רחמנא לצלן. ושמעתי שפעם אחת דיבר האיש הנ"ל עם המקורבים אליו מענין איך שעולם הזה אינו כלום ומה הוא התכלית מכל עניני הגוף וכו' כנ"ל ובתוך דבריו נתעלף והתחיל לגווע (ובלשון אשכנז שנשאר חלשות) וביגיעות גדולות עד ששב ונתעורר בו חיותו. **ואמר אז שזכה על ידי קדושת רביז"ל למדריגה כזו אשר בכל עת שמזכיר עצמו היטב מיראת העונש והסוף והתכלית של כל עניני העולם הזה, אזי מרגישין כל איבריו אפילו אצבע הקטן שברגליו ממש כמו ששוכבין כבר בקבר ומרקיבין וכו' עד שצריך התחזקות גדול להחזיק חיותו בקרבו, שלא תצא נפשו ממש רחמנא לצלן.**

[לח] עי' בהערה לעיל.

- דער איבר איז בטל געווארן במציאות, דאס חיות איז ארויס פון דעם איבר, אז ער האט אנגעהויבן רעדן צו די הארץ, איז ער געבליבן חלשות.

- 'אזוי' האט דער רבי געהייסן רעדן צו די אברים - אז דער איבר זאל אזוי מרגיש זיין, אזוי דערהערן, אז דער איבר זאל מורא האבן צו געבן א קוק, א טראכט, א רעד.

אבער אויף אט די זאכן מוז מען נאכאמאל אויסלאזן: דאס קען נישט זיין נאר דורך שמחה. אויב מיר וועלן מיינען אז דאס איז עפעס א גאנג פון זיך מאכן מרה שחורה'דיג, טויג עס נישט, האבן מיר גארנישט. דורך מרה שחורה וועט ער נישט רעדן, ער וועט גארנישט אויסרעדן פארן אויבערשטן דורך מרה שחורה.

# דאס אמת'ע התעוררות

ר' נתן רעדט אין א הלכה[לט] אז די התעוררות וואס נעמט זיך פון התחזקות דאס איז א התעוררות, דאס בלייבט, אבער די התעוררות וואס נעמט זיך נאר פון התעוררות, דאס איז שווער אז ס'זאל בלייבן. די התעוררות דארף זיך נעמען פון רוב התחזקות אז ער איז זיך אזוי מחזק - אז אביסלע איז אויך גוט, אז אייןווארט איז אויך גוט, אפילו א טראכט איז אויך גוט, און דאס אויפהויבן די אויגן צום אויבערשטן - אזוי שטייט דאך אין תיקונים: אז "שמע" מאכט (ר"ת), ש'או מ'רום ע'יניכם - 'אויפהויבן די אויגן צום אויבערשטן' דאס הייסט קבלת עול מלכות שמים - דאס איז אויך זייער גוט.

און אז מען האט אין זיך אט די התחזקות, ווערט מען נתעורר. די התעוררות פון התחזקות, דאס איז אן התעוררות. דאס אייגענע איז אויך דאס התעוררות וואס ווערט פון רוב שמחה וואס מען פריידט זיך מיטן אויבערשטן - אט דער התעוררות בלייבט, דער התעוררות בלייבט.

---

[לט] עי' ליקוטי הלכות פסח ה"ט, אות י"ז: **"ועל כן צריכין להתגבר תמיד בכל עת שבאה עליו איזה יראה שתהיה לטובה** שיהיה נזהר מאד שתיכף כשהמחשבות רוצים להחליש דעתו ולהגביר עליו העצבות ולהפילו חס ושלום, על ידי זה. שיתגבר כנגדם **ויחזק את עצמו בכל דרכי ההתחזקות** המבוארים בדברינו כמה פעמים. **ואז תהיה היראה לטובה שיזכה לתשובה על ידי זה"**.

# נישט זיין קיין 'רואה פני גיהנום'

רבי נתן האט א זאג געגעבן צו איינעם - ר' אהרן ניסן. דער שווער (ר' אהרן קיבליטשער) האט אים נאך געקענט. האט ער אים געזאגט: **"איך זאג דיר צו, אז דו וועסט זיין תמיד פרייליך, וועסטו נישט זיין קיין 'רואה פני גיהנום"...**[מ]

דער ענין פון שמחה איז עפעס - - וואס מער מען איז אן ערליכער איד - אויף אים איז זיך מתגבר דאס כבידות. און אז ער שטארקט זיך נאר מיט שמחה און שמחה, דאן איז אים ממש לעכטיג אין אלע זאכענישן. נאר זיך האלטן אין שמחה! דאס איז דער וועג אויף צו לערנען, דער וועג אויף צו דאווענען, דער וועג אויף צו רעדן מיט מענטשן, עס ליגט עפעס א מין גאנג דערינען.

די וועלט זאגט אויף ברסלב 'אז ברסלב מאכט מרה שחורה'דיג'... דאס איז פארקערט, דאס איז נישט קיין אמת'ע זאך; דעם רבי'נס זאך איז נאר געווען 'שמחה און שמחה'. דעם רבי'נס נאמען איז דאך טאקע 'נחמה', און 'בן', און 'שמחה', דאס איז אלץ מרמז אויף שמחה[מא].

---

[מ] מובא בכוכבי אור, ערך 'אנשי מוהר"ן', אות כ"ח: **"שמעתי מר' אהרן ניסן ז"ל, שאמר לו פעם אחת אם היית בשמחה תמיד** (שטענדיג פרייליך) **לא היית רואה פני גיהנום!"**. ובשיח שרפי קודש ח"ו, אות מ"א, מביא שם: "שסיפר רבי אהרן קיבליטשער ז"ל לרבי לוי יצחק ז"ל שהוא הכיר את רבי אהרן ניסן זה, שמטבעו היה בעל מרה שחורה, ועל כן ידע מוהרנ"ת ז"ל שעליו התגברות היצר ביותר בענין זה, וזה היה נסיונו, ובהתגברותו על מידה זו יתעלה עד שלא יהיה רואה פני גיהנם חלילה!".

[מא] עי' בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ב', אות ה': "שבת הוא בחינת **בן** ואז ניחא לעלאין ותתאין, ונתעורר **שמחה**, ואזי נתרוממין ונתעלין כל המצוות של ששת ימי החל מן העצבות, ונמשך עליהם מנוחה ושמחה, בבחינת (בראשית ה): "ויולד בן ויקרא שמו נח לאמר, **זה ינחמנו** ממעשנו ומעצבון ידינו", הינו בחינת שבת שהיא בחינת **בן**, בחינת נח, ניחא דעלאין ותתאין (עין תקון ע' בסופו ובזהר בראשית נ"ח נ"ט), **שהוא מנחם ומשמח הכל מן העצבות**, בחינת: **"זה ינחמנו"** וכו'. ועי' בשיש"ק ח"ג, אות תרפ"ג: "אומרים שבעת אמירת המאמר "ימי חנוכה" בשבת חנוכה תקס"ט, היה אז הרה"ק רבי שמחה ז"ל אבי רבינו אצלו ז"ל, ושם בתורה הזכיר רבינו מענין שמחה, ומענין בן, ומענין הכתוב "זה ינחמנו" וכו'. גם עי' כוכבי אור ערך 'ששון ושמחה', בפתיחה, איך מתבטא בזה"ל: **"כי אין לנו אלא דברי 'בן שמחה' הנכלל ב'מקור השמחה' העוסק לקשרנו על ידי השמחה בה' ובצדיקיו האמתיים ובפרט בראש כל צדיקיו הוא הוא בעצמו זכר צדיק וקדוש לברכה"**.

און דאס אליין איז אויך א שמחה - אז דער אויבערשטער העלפט אז מען איז נישט קיין מתנגד אויפן רבי'ן, דארף מען אויך זיין פריילך![מב].

דער רבי האט א זאג געגעבן צו ר' נתן'ען: 'אויף מיר וואלט איר געקריגט? איר וואלט דאך געווען משונה'נע מתנגדים!'[מג]. - זיי זענען דאך געווען ערליכע אידן.

דארף מען דאנקען דעם אויבערשטן אויף וואס מען איז נישט קיין מתנגד אויפן רבי'ן. דער רבי איז געווען אזא אוהב ישראל, אזוי זיך מפקיר געווען. דער רבי האט געזאגט: "איך האב מפקיר געווען זיך, איך האב מפקיר געווען די קינדער, מפקיר געווען די אשת נעורים" - אלץ א טובה טאן אידן[מד]. דער רבי האט דאך געמיינט נאר טובת ישראל ...אויף מיר וואלט איר געקריגט?!

❖ ❖ ❖

---

[מב] עי' עלים לתרופה, מכתב ט': "**וחזק וחזק ותתחיל בכל יום מחדש**. ואל תסתכל על שום בלבול ומרה שחורה כלל. ואל תשים לבך לבלבולים כאלה כלל. רק תחזק עצמך להיות בשמחה תמיד, על אשר זכינו להיות מזרע ישראל גוי קדוש. ולבלי להיות מתנגד חס ושלום על אור האורות צח הצחצחות סבא דסבין הוא רבינו הקדוש והנורא זצוק"ל ננמ"ח, **אשרינו מה טוב חלקנו וכו' שהשם יתברך ברחמיו הסיר מאתנו מסוה העִוָרון המסמא את העינים ומונע הרבה אנשים מלהסתכל בספרי רביז"ל הנוראים**. והם חולקים ומתנגדים עליו ועל אנשיו ועל ספריו הקדושים והנוראים מאד, **ברוך ה' אשר הצילנו מזה והבדילנו מן התועים בכמה וכמה בחינות בודאי ראוי לנו לשמוח בזה כל ימינו לעולם בשמחה עצומה שאין לה קץ ואין שום מרה שחורה ועצבות שתוכל לבלבל חס ושלום משמחה זאת לעולם, כאשר שמעתי והבנתי מפיו הקדוש זכרונו לברכה בפירוש**. כי עיקר ההתחזקות הוא שמחה כמו שכתוב (נחמיה ח) כי חדות ה' היא מעוזכם".

[מג] עי' חיי מוהר"ן, אות נ': "ונחזור למעלה בעת שאמר ענין הנ"ל (ליקוטי מוהר"ן סי' י' תניינא) אז דיבר הרבה משמחה, **וחיזק אותנו וזירז אותנו מאד להיות בשמחה תמיד**. כי באותן העתים שהיה בעת שבא מלעמבערג אז דיבר עמנו הרבה מאד מענין התחזקות להיות בשמחה תמיד. ואמר אז לנו **שראוי לנו לשמוח מאד מה שניצלנו ברחמיו מלהיות מתנגדים עליו. ואמר אז בזו הלשון: ברוך אלקינו שבראנו לכבודו והבדילנו מן התועים - משני תועים**. היינו מהתועים לגמרי מהתורה שהם העכו"ם והאפיקורסים. **וגם ניצלנו מהתועים המתנגדים החולקים עליו שאבדו מה שאבדו בלי שעור וערך ומספר. ואמר הלא אתם בודאי הייתם מתנגדים גדולים לולא חסדיו ורחמיו המרבים אשר ניצלנו מפח יוקשים מכת המתנגדים** אשר אם היינו שומעין להם חס ושלום היה נאבד תקותנו חלילה וכו'. ענה ואמר כמתמיה ואמר: עלי הייתם חולקים?. ואמר בלשון אשכנז בזו הלשון: "**אוף מיר וואלט איהר גיקריגט**".

[מד] עי' חיי מוהר"ן, אות של"ה: "פעם אחת דיבר רביז"ל עם אנשי שלומינו, ואמר להם: **הלא כל הנחת רוח והתענוג שלי הוא רק כשאני רואה איזה דברי יהדות ועבודת ה' באחד מאנשי, הלא הפקרתי את עצמי ואשתי ובני היקרים, ורק בשביל זה**".

**מען דארף אינזין האבן דעם תכלית, מען דארף אינזין האבן 'עלמא דאתי'. איך בין דאך דא אין דעם עולם - 'דער' עולם איז דאך אן עולם וואס אז מען רייסט אים אפ פון דארטן** (מהעולם הבא) **- רופט אים אן דער זוהר: 'עלמא דשקרא'[מה], און 'עלמא דשלא כסדר' - אלע נעמען** (לגנאי)**. און צו מקשר זיין דעם עולם צו יענעם עולם, איז נאר דורך שמחה[מו]. אָן שמחה וועט מען בשום אופן נישט מאכן דעם קשר. פארוואס? ווייל 'דער' עולם איז עצבות, 'דער' עולם רייסט מיך אפ. נאר דורך שמחה קען איך מאכן א קשר פון דיביידע עולמות, אז איך קען זיך ארומדרייען דא - און זיין צוגעבונדן דארטן, דער געדאנק מיינער זאל זיין דארטן.**

**דער רבי זאגט אין תורה נ"ד: 'דעמאלט** (כשמקשר מחשבתו לעלמא דאתי) **ווערט נשלם ה' אלקי'[מז]. "ה' אלקי" - זאגט דער זוהר הקדוש: 'סליקו דמחשבה דעלמא דאתי' דאס איז 'שירותא דמהימנותא' - דער אנהויב אמונה איז ווען די מחשבה גייט ארויף צו עלמא דאתי, און דאס איז 'ה' אלקי'. און דאס איז די שלימות: "ה' אלקי" - איז דאך ביידע עולמות. דאס איז די שלימות פון ביידע עולמות, אז די מחשבה טראכט אין עלמא דאתי. אז איך דריי זיך ארום דא און איך טראכט פון דארטן, בין איך מקשר די צוויי עולמות, דאס איז דער עיקר שלימות.**

# כד ישראל אישתלימו בעובדייהו

**דער צדיק וואס איז שוין דארטן** (בעולם העליון)**, ער איז דאך אוודאי** (דארטן)**, אבער דער אויבערשטער וויל דאך עס זאל זיין א קשר צווישן דעם עולם מיט יענעם עולם פון די וואס זענען טאקע דא בחיים חיותם און זיי האבן נאך א התקשרות צום**

---

[מה] וישב קצב:

[מו] עי' ליקוטי עצות, ערך 'שמחה', אות י"ג, ע"פ תורה נ"ד, וזל"ש: "כל התאוות באים מכח המדמה, כח הבהמיות, והתגברותו הוא על ידי עצבות שהוא רוח נכאה, רוח רעה, ועל ידי זה התגברות השכחה, ששוכח תכליתו ואינו זוכר בעלמא דאתי, כראוי לזכור בכל יום בכלל ובפרט (כמו שכתוב ב'זכרון', אות ד'). **ועל כן צריכין להתגבר להיות בשמחה תמיד, שעל ידי זה עקר הכנעת המדמה, ועל ידי זה יזכה לזכור בעלמא דאתי בכל יום** כנ"ל.

[מז] וז"ל שם, באות א': "צריכין לשמור מאד את הזכרון, שלא יפול לשכחה, בחינת מיתת הלב. ועיקר הזכרון הוא לזכור תמיד בעלמא דאתי, שלא יהיה בדעתו, ח"ו, שאין עולם אלא אחד. ועל ידי מה שמדבק מחשבתו בעלמא דאתי, עי"ז נעשה יחוד ה' אלקי הנ"ל. **(כי ה' אלקים הוא בחינת שם מלא, שהוא בחינת עלמא דאתי כמובא. וכן מבואר בסבא משפטים דף צ"ח על פסוק זה. ה' אלקי - דא שירותא דמהימנותא, סליקו דמחשבה דעלמא דאתי)".**

אויבערשטן, און אז (זיי זאלן) ביי יעדן זאך האבן א התקשרות - וואס איך גיי טאן עפעס א זאך - האבן א התקשרות צום אויבערשטן!

דער רבי, אין תורה קפ"ה, ברענגט דעם זוהר: "כד ישראל אישתלימו בעובדייהו, כביכול שמא קדישא אישתלים"[מח] - עס ווערט נשלם דעם אויבערשטן'ס נאמען. און דער עיקר שלימות, זאגט דער רבי דארטן, איז יראה. - און דארטן אין תורה נ"ד זאגט דער רבי [- מען פלעגט מקשר זיין תמיד דיביידע תורות]: אז 'מען דארף זייער היטן דעם זכרון נישט ארייצופאלן אין קיין שכחה, און דער עיקר הזכרון איז - מען זאל תמיד געדענקען דעם עלמא דאתי - עס זאל נישט זיין בדעתו, חס ושלום, שאין עולם אלא אחד. און 'על ידי וואס ער איז מדבק מחשבתו בעלמא דאתי, ווערט א יחוד פון שם אלקי. ווארום 'ה' אלקים' איז דער שם מלא, דאס איז עלמא דאתי. וכן מבואר בסבא משפטים פון ר' ייבא סבא, אז ה' אלקי - דאס איז שירותא דמהימנותא, סליקו דמחשבה דעלמא דאתי'. מען דרייט זיך ארום אין דער וועלט - און די מחשבה איז מקושר צו עלמא דאתי.

וואס האט דער רבי געוואלט? וואס האט דער רבי געוואלט פון אונז? וואס האט דער רבי געוואלט פון א אידן? דער רבי האט דאך נאר געוואלט אריינברענגען אין אידן - אז א מענטש גייט ארום זאל ער האבן א התקשרות צום עלמא דאתי. פארשטייסט? דער בעל דבר וויל דאס נישט ליידן. איך גיי אין גאס, איך גיי עפעס עסן - א התקשרות צום עלמא דאתי. איך גיי זיך לייגן שלאפן - א התקשרות צום עלמא דאתי. אז איך שטיי אויף - זאגט דער רבי, 'כך ראוי להיות מנהג יראי השם, תיכף בבוקר בהקיצו יזכור מיד - עס איז דא נאך א וועלט!'. א מענטש דארף איינשלאפן מיט עלמא דאתי און ער דארף אויפשטיין מיט עלמא דאתי. מען דארף איינשלאפן נאר מיט עלמא דאתי, מיט געדאנקען פון עלמא דאתי, אזוי האט ער א אנדערן שלאף... און אז ער כאפט זיך אויף, איז שוין ווידער עלמא דאתי, דאס איז דאך די שלימות האמונה.

ווייזן ווייזט דאס אויס, אז דאס איז עפעס א מדריגה פון צדיקים - און דא זאגט דער רבי: יעדער איד דארף אזוי זיין! - אז ער דרייט זיך ארום דא און ער רייסט זיך אפ פון עלמא דאתי, ליגט ער דאך נאר אין דעם עלמא דשקרא. די וועלט אליין איז דאך שקר,

---

[מח] וזל"ש: **"איתא בזוהר** (ויקרא ד:)**: 'כד ישראל אישתלמו בעובדייהו כביכול שמא קדישא אישתלם'** וכו', ועיקר השלימות היא היראה, כמו שכתוב (דברים י): "מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה", ועל כן נקראת יראה סוף דבר, כמו שכתוב (סוף קהלת): "סוף דבר הכל נשמע את האלהים ירא", כי היא שלימות כל הדברים".

די וועלט אליין איז דאך גארנישט, נאר שקר מיט טומאה מיט אלעם. וואס איז די וועלט אליין? גארנישט. דאס חיות פון דער וועלט איז יענע וועלט. דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז מיר זאלן זוכה זיין מקיים צו זיין.

דאס הייסט אן אדם השלם, א גאנצער מענטש, אז ער איז גאנץ מיט דעם אויבערשטן. (ר' נחמן בורשטיין: אישתלימו בעובדייהו) "אשתלימו בעובדייהו", דאס הייסט טאקע אז מען איז גאנץ. א מענטש אז ער איז דבוק אינעם אויבערשטן דא - איז ער דארטן אויך דבוק אינעם אויבערשטן. ער איז אויך דארטן נישט אפגעריסן פונעם אויבערשטן, ער גייט זיך אויף זיין וועג וואס ער איז געגאנגען דא.

❖ ❖ ❖

# 'עד מתי' וועל איך זיך מישן צום רבין?

(השואל: דער רבי האט געזאגט צו זיין טאטן [ר' שמחה]: ווען איך וואלט געהאט אזא זון ווי איר, וואלט איך אין די גאסן געלאפן -) '**וואלט איך געווען פרייליך'!**[מט]

מען ווייס נישט ווען ס'איז געווען דעם רבי'נס פאטער'ס הסתלקות. ביי די תורה "ימי חנוכה" (שנאמרה בשבת חנוכה תקס"ט) איז דער רבי'נס פאטער געווען ביים רבי'ן. דאס ווייסט מען.

(ר' נחמן: שפעטער אויך, אין א מכתב פון שנת תקס"ט - מנחם אב, חתמ'עט זיך דער רבי אונטער "בן מוה"ר שמחה יצ"ו". האט ער נאך תקס"ט אויך געלעבט?) אבער נאכן רבי'נס הסתלקות האט ער שוין נישט געלעבט. ווען ס'איז געווען - ווייסט מען נישט.

דעם רבי'נס מוטער'ס הסתלקות איז נאך געווען סמ"ך; פריער מיט עלף יאר[נ].

חיה איז געבוירן געווארן אין זלאטיפאליע. ביים רבי'ן איז געבוירן געווארן א טאכטער אין זלאטיפאליע. דארטן איז דער רבי געווען צוויי יאר. (און דער רבי) האט זיך נישט אזוי געאיילט א נאמען צו געבן. און ר' חייקל, דעם רבי'נס חזן, האט געזאגט צום רבי'ן - פארוואס דער רבי גיט נישט קיין נאמען, (באמרו:) "די וועלט וועט שוין אנהויבן

---

[מט] עי' שיח שרפי קודש, ח"ג, אות צ"א: "אמר פעם רבינו לאביו רבי שמחה: "אילו היה לי בן כמוך, הייתי מזמר ושר עם כלי זמר והייתי שמח". "**ווען איך וואלט גיהאט א קינד ווי איר, וואלט איך גיזינגען און גישפילט און גיווען פריילך**".

[נ] עי' שיש"ק ח"א, אות שפ"ז.

**רעדן - 'ער גיט נישט קיין נאמען'".** (ענה רבינו:) **"נו, וועט זי הייסן חיה". און אויף דער נאכט איז אנגעקומען א דעפעש** (- טעלעגראם) **פון מעזיבוש אז דעם רבי'נס מוטער איז נסתלק געווארן.**

**דער רבי האט שוין געוואוסט** (ולכן המתין)**, ער האט געוואלט א נאמען געבן נאך די מוטער. נאר ביז מען הערט נישט ממש בפועל קען מען נישט קיין נאמען געבן.**

**דעמאלט האט געשריגן ר' חייקל: "געוואלד, 'עד מתי' וועל איך זיך מישן צום רבי'ן?! אז דער רבי האט געוואלטווארטן, פארוואס האב איך זיך געמישט צום רבי'ן?!". נאכדעם האט דער רבי געהאט א פייגא, האט זי שוין נישט געהאט קיין אריכות ימים; דער רבי האט געוואלט אז זי** (חיה'לע) **זאל הייסן פייגא.**

# אחי רביז"ל - ר' ישראל 'מת'

(השואל: ווער איז געווען עלטער צווישן די ברידערביים רבי'ן?) **דער רבי איז נישט געווען דער בכור; ר' ישראל 'מת' איז געווען דער עלטערער**[נא]**.**

(השואל: און ר' יחיאל איז געווען יונגער פון דעם רבי'ן?) **ר' יחיאל ווייס איך נישט; אבער ר' ישראל 'מת' איז געווען דער עלטערער; ער איז געווען דער בכור.**

(אחד הנוכחים: ר' נחמן הארעדענקער איז נפטר געווארן פאר ר' יחיאל'ן, אדל'ס מאן, דעם בעל שם'ס איידעם) **יא, אדל'ס מאן האט געהייסן ר' יחיאל.** (הנ"ל: האט ער מן הסתם געגעבן צוערשט א נאמען נאך ר' נחמן הארעדענקער) **איך ווייס נישט, דאס קען מען נישט וויסן, דאס קען מען גארנישט וויסן.**

[נא] בשיח שרפי קודש ח"ב, אות רכ"ה, מובא: "היה לרבינו אח בשם רבי ישראל ופניו היו דומים לפני מת עד שכינוהו בשם רבי ישראל "מת", וזה היה מחמת מעשה שהיה בקטנותו, שנחלה מאד עד סמוך למיתה ממש, ורצה עמו אמו פייגא לקבר הבעל שם טוב בצעקות ובכיות נוראות, והניחה את התינוק על הציון והלכה ממנו, כשחזרה פגשה אותו כשהוא בריא ובוכה, מחמת שאינו יודע היכן אמו. אחר כך בא אליה הבעל שם טוב בחלום ואמר לה: אילו באת אלי שלא בצעקות הייתי נותן לו נשמה טובה, אולם מחמת שעשית צעקות נוראות לא הסתכלתי איזה נשמה הנני נותן לו ונתתי לו נשמה של נפטר. **"האסט גימאכט גיוואלדן האב איך נישט גיקוקט וואס פאר א נשמה איך גיב איהם"**. הסברא אומרת שרבי ישראל הזה, היה הבכור, ומשום כך נקרא בשם ישראל על שם הבעל שם טוב, ורבינו נקרא בשמו על שם סבו הרב הקדוש רבי נחמן מהורדענקע זצ"ל". ושם אות שפ"ט: שר' ישראל 'מת' לא האריך ימים; והשאיר אחריו בנים, ורלוי"צ עוד הכיר את צאצאיו שהיו דרים בארה"ק.

ביי דעם ערשטן נאמען (ר' ישראל 'מת') האט נאך ר' נחמן (האראדענקער) געלעבט, האט ער א נאמען געגעבן נאכן זיידן - דעם בעל שם: 'ישראל'.

(ר' נחמן: עס איז זיכער אז ער האט נאך געלעבט?) יא יא; אז נישט וואלט דער פאטער (ר' שמחה) א נאמען געגעבן נאך זיין טאטן. ווען ר' שמחה'ס פאטער זאל ווען שוין נישט לעבן, וואלט ער א נאמען געגעבן נאכן טאטן - ר' נחמן. אוודאי, 'כיבוד אב'.

(ר' נחמן: דאס ערשטע געהערט דאך צו איר?!) ביי דעם גייט נישט קיין ערשטע. דארטן וואו ס'איז כיבוד אב, איז נישט שייך. - אז ער האט נישט קיין פאטער גיט ער א נאמען נאך זיין טאטן, עס איז דאך כיבוד אב. ער (הבעש"ט) איז געווען א זיידע, און ער (ר' נחמן האראדענקער) איז געווען דער טאטע.

# דער ארון איז אין מעזיבוש

ר' נחמן הארארדענקער איז אוועק כ"ו כ"ז. (ר' נחמן: ב' תמוז איז ער אוועק, אזוי שטייט אין "שבחי הבעל שם") כ"ו-כ"ז.

ר' נחמן הארארדענקער האט געוואלט פארן קיין ארץ ישראל נאך בחיי הבעל שם, און ער האט זיך זייער געריסן (צו ארץ ישראל). ער האט שוין געמאכט ביי זיך א הסכם 'ער פארט שוין קיין ארץ ישראל', אבער דער בעל שם האט אים נישט געהייסן, נישט געהייסן (- בכל פעם אמר לו שלא לנסוע).

אמאל איז געווען (שאמר להבעש"ט:) ער וויל שוין פארן. (אמר לו הבעש"ט:) "נו, גיי'זשע פריער אין מקוה". דער בעל שם האט אים געהייסן ער זאל גיין פריער אין מקוה.

אז ער איז (צוריק) געקומען (מהמקוה, שאל אותו הבעש"ט:) "נו, וואס האסטו געזעהן אין מקוה?". (ענה:) "ווען איך האב זיך גע'טובל'ט האב איך געזעהן ארץ ישראל". (ושאל עוד הבעש"ט:) "וואס נאך האסטו געזעהן?". (ענה:) "איך האב געזעהן ירושלים!". "וואס נאך האסטו געזעהן?" "איך האב געזעהן דעם קודש קדשים, נאר דער ארון האב איך נישט געזעהן!". (ענה לו הבעש"ט:) "ווייל **דער ארון איז אין מעזיבוש**!"...

- דערפאר האסטו דעם ארון נישט געזעהן, דער ארון איז אין מעזיבוש. נו, איז ער נישט געפארן. אז דער ארון איז אין מעזיבוש איז ער נישט געפארן.

(ר' נחמן: ר' געצע שרייבט אין א בריוו צו ר' שמשון'ען ווען ער איז געווען דא אין ארץ ישראל. - ר' שמשון איז געווען אין ארץ ישראל אין אייער צייט? [רלוי"צ: ניין, נאך פריער]. שרייבט ער צו ר' שלמה'ען: "יזכור נא מאמר הבעל שם טוב ז"ל – 'אז דער ארון איז אין מעזבוזי', ודי לחכימא ברמיזא!"[נב]) **יא יא!**

- און אפילו לאחר הסתלקותו פונעם בעל שם הקדוש האט ר' נחמן עטליכע מאל געוואלט פארן, און ער איז צוגעגאנגען צום בעל שם אויפן ציון, און דער בעל שם האט אים געהייסן: 'נישט פארן!'.

(ר' נחמן: איז בימי הבעל שם איז ער אינגאנצן נישט געפארן?) **ניין ניין.** (ר' נחמן: ווייל אין שבחי בעל שם שטייט -) **ניין - עס איז טעותים; ער איז בחיי הבעל שם נישט געפארן. - נאך די הסתלקות** (מהבעש"ט) **האט ער געוואלט פארן, האט ער אים אויך געהייסן נישט פארן.**

[איינמאל איז ער געווען צוזאמען מיט איינער פון די גדולים פון די תלמידי הבעל שם - איך געדענק נישט ווער[נג]. איז ער אראפגעגאנגען מיט א שמחה (פונעם ציון): **"איצטער האט דער בעל שם מסכים געווען איך זאל פארן אויף ארץ ישראל!".**

- זיי זענען דארטן געוועןביידע צוזאמען ביים בעל שם (אצל הציון). (אמר לו חבירו:) **"פארוואס האב איך גארנישט געהערט דער בעל שם זאל אזוי זאגן?".** (אמר לו רבי נחמן:) **"דו האסט גארנישט געהערט?! דער בעל שם האט מסכים געווען איך זאל פארן!".**

(רלוי"צ מסיים:) איך האב געהערט אז ער האט חתונה געמאכט רבי שמחה, און ערשט נאכדעם איז ער אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל; פריער נישט.]

[נב] עי' שארית ישראל (בסוף מכתב רבי אליקים געציל ליבאוועגע לר' שמשון בארסקי): **"שלום לכל אנ"ש, בפרט לרבי שלמה נרו יאיר וועקסליר"**, וכו', כנזכר למעלה.

[נג] בשבחי בעש"ט מובא שזה היה רבי יוסף מקאמינקא.

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

*מעומק לבבי אשגר בזה ברכת מזל טוב לחברי וידידי*
*עומד לימין המערכת*
מוה"ר **יואל הלוי יוזשעף** הי"ו
ירושלים עיה"ק
לרגל שמחת נישואי בנו בכורו החתן החשוב כמר **שמעון ישכר בעריש** ני"ו
החתונה תתקיים אי"ה בשעטומ"צ **יום ד' פר' תצוה** (שושן פורים קטן) באולם בית יעקב הישן - ירושלים עיה"ק - למזל טוב
*חבירך וידידך: יוסף מענדל האס*

מוה"ר **נתן בר"י פריעדמאן** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל אירוסי בנו החה"ח כמר **צבי י-הוסף** ני"ו
- - -
ומחותנו מוה"ר **טובי' ליבערמאן** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל נישואי בתו
למזל טוב

מוה"ר **יואל הירש** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוה"ר **יואל בלייער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל נישואי בנו החה"ח כמר **שמעון** ני"ו
- - -
ומחותנו מוה"ר **שמואל ארי' אדלער** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
לרגל נישואי בתו
למזל טוב

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
תנצב"ה

לעילוי נשמת
מו"ה **יעקב**
ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר
תשפ"א
תנצב"ה